## אַ קיצור פון רייניקן עפנטלעך אייגנטום

די סאַניטאַציע אָפּטיילונג (Department of Sanitation - DSNY) איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ריינקייט פון די גאַסן פון ניו יאָרק און פאַר אַוועקוואַרפן דאָס מיסט. דער היינטיקער טשאַרטער געבט דעם קאָמיסיאָנער פון DSNY רשות אָנצונעמען כללים לגבי דעם באַנוץ פון טראָטואַר כדי אַוועקצוּוואַרפן מיסט און אַרויסגעבן שטראָפן (violations) פאַר ניט פאָלגן די כללים וועלכע מעגן באַשטראָפט ווערן מיט אַ קנס, תפיסה אָדער ציווילע שטראָפן. היינט שטעלט דער טשאַרטער ניט אויס בפירוש קיין שום פאָדערונג אַוועקצופאַרפן מיסט אין אין אַ קאַסטן - כאָטש DSNY האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע כללים וואָס באַגרענעצן די צייט וואָס מיסט ניט אין קאַסטנס מעג זיין אויף די שטאָט גאַסן. לויט דעם איצטיקן טשאַרטער זענען באַשטימטע טיילן פון שטאָט אייגנטום ניט אונטער דער יוריסטיקציע פון DSNY, צום ביישפיל, פאַרקן און אין מיטל פון די צוויי טיילן פון אַ וועג. חוץ פון דעם, כאָטש דער ביוראָ אויף דורכצוכפירן גאַסן פאַרקויפער (Office of Street Vendor Enforcement) איז איינקוואַרטירט אין דעם DSNY, האָט ער ניט די אויטאָריטעט דורכצופירן פאַרקויפערס אויף, באַשטימטע טיילן פון שטאָט אייגנטום ווי צום ביישפיל פאַרקן.

די פאָרגעשלאָגענע אַמענדמענטן וואָלטן אויפגעקלערט אַז DSNY האָט די יוריסדיקציע צו רייניקן יעדעס שטאָט אייגנטום לויט די באַפעלן פון מייאָר. די פאָרגעשלאָגענע ענדערונגען וואָלטן אויך אויפגעקלערט אַז DSNY האָט די אויטאָריטעט צו פאַרזיכערן אַז גאַסן פאַרקויפער פאָלגן די סאַניטאַציע פאָדערונגען ניט נאָר אויף די גאַסן נאָר אויך אויף אַנדערע שטאָט אייגנטומער. און לעצטנס וואָלט דער דאָזיקער פאָרשלאַג בפירוש אַנערקענט די אויטאָריטעט פון DSNY צו רעגלאַמענטירן דאָס ריכטיק אַוועקלעגן מיסט אויף דעם טראָטואַר, איינשליסלעך די פאָדערונג אַז מיסט זאָל מען אַריינלעגן אין קאַסטנס.

## אַ קיצור פון מער אָפּשאַצונגען פון דעם קאָסט פון פאָרגעשלאָגענע געזעצן און די אַקטואַליזירונג פון בודזשעט טערמינען

דער פאָרשלאַג וואָלט געפאָדערט מער צו אַנאַליזירן די פינאַנציעלע השפעות פון די פאָרגעשלאָגענע לאָקאַלע געזעצן. דער פאָרשלאַג וואָלט אויך אַקטואַליזירט באַשטימטע בודזשעט טערמינען.

ערשטנס וואָלט דער אַמענדמענט געפאָדערט דער ראָט זאָל אָפּשאַצן וויפל עס וועלן קאָסטן די פאָרגעשלאָגענע געזעצן, איידער עס קומט פאַר אַן עפנטלעכער אויסהער דורך אַ קאָמיטעט פון ראָט און איידער דער גאַנצער ראָט שטימט. ער וואָלט אויך געפאָדערט דער ראָט זאָל געבן דעם מייאָרס ביוראָ פאַר אַדמיניסטראַציע און בודזשעט אַ געלעגנהייט צו צושטעלן זיין אייגענע אָפּשאַצונג אין אַ פאַסיקן מאָמענט.

היינט פאָדערט דער טשאַרטער אַ באַריכט פון פינאַנציעלער השפעה איידער מען שטימט אין אַ ראָט קאָמיטעט און איידער דער גאַנצער ראָט שטימט. אין טשאַרטער זאָגט זיך ניט ווער עס דאַרף אויסשטעלן די באַריכטן, אָבער למעשה שטעלט זיי אויס דער ראָט. דער דאָזיקער אַמענדמענט וואָלט קאָדיפיצירט די ראָלע פון דעם ראָט. ער וואָלט אויך איבערגעפירט דעם באַריכט פון פינאַנציעלער השפעה אויף פריער אין דעם לעגיסלאַטיוון פּראָצעס, פאָדערנדיק מען זאָל אים באַקומען פאַר די עפנטלעכע אויסהערן. אויך, ווי עס האָט זיך פריער געזאָגט, וואָלט דער אַמענדמענט פאַרזיכערט אַז דער מייאָר - דורך דעם ביוראָ פאַר אַדמיניסטראַציע און בודזשעט - האָט די געלעגנהייט צו צושטעלן פינאַנציעלע אָפּשאַצונגען. דער רעזולטאַט וועט זיין אַז מיט דעם אַמענדמענט וואָלטן באַריכטן פון פינאַנציעלער השפעה אין אַלגעמיין אַנטהאַלט צוויי אָפּשאַצונגען: איינע פון דעם ראָט זעלבסט, און איינע פון דעם מייאָר. ספּעציפיש וואָלט דער אַמענדמענט געפאָדערט אַז דער ראָט זאָל מעלדן דעם מייאָר אַכט טעג איידער מען האַלט אַן עפנטלעכן אויסהער (סיידן דער מייאָר זאָגט זיך אָפּ פון דער מעלדונג) אָדער דער ראָט שטימט אויף אַ פאָרגעשלאָגענעם לאָקאַל געזעץ, דערלויבנדיק דעם ביוראָ פאַר אַדמיניסטראַציע און בודזשעט ער זאָל צושטעלן זיין אייגענע פינאַנציעלע אָפּשאַצונג. אָבער אויב דער דאָזיקער ביוראָ האָט ניט געענטפערט מינדעסטנס דריי טעג פאַר דעם אויסהער אָדער דער אָפּשטימונג, קען דער ראָט פאָרט גייען ווייטער מיט דעם אויסהער אָדער דער אָפּשטימונג.

צווייטנס וואָלט דער אַמענדמענט אַקטואַליזירט עטלעכע טערמינען אין טשאַרטער וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם בודזשעט, מיט דער כוונה זיך צוצופּאַסן צו דער מאָדערנער פּראַקטיקע. באַזונדערס

וואָלט עס געגעבן אַ נייער שטאָט רעגירונג מער צייט אויסצושטעלן אַ פּרעלימינאַרן בודזשעט דורך דעם פאַרלענגערן דעם טערמין פאַר דעם פּרעלימינאַרן בודזשעט פון דעם 16טן יאַנואַר ביז דעם 1טן פעברואַר אין די יאָרן נאָך וואַלן אויף מייאָר. עס איז דאָ אַ פּרעצעדענט פון דעם: אַנערקענענדיק אַז דער איצטיקער טערמין דעם 16טן יאַנואַר קען זיין שווער פאַר אַ נייער אַדמיניסטראַציע, האָט דער שטאָט ראָט שוין אַמאָל אָנגענומען לאָקאַלע געזעצן וואָס לייגן אָפּ דעם טערמין ווען מען דאַרף צושטעלן דעם פּרעלימינאַרן בודזשעט ווען אַ נייער מייאָר הויבט אָן זיין פּאָסטן. דער פאָרגעשלאָגענער אַמענדמענט וואָלט פונקט אַזוי אַקטואַליזירט טערמינען וואָס האָבן אַ שייכות כדי זיך צופּאַסן צו דעם נייעם טערמין פון דעם פּרעלימינאַרן בודזשעט: אין די יאָרן נאָך וואַלן אויף מייאָר וועט דער טערמין אויף צושטעלן אַ פּרעלימינאַרן סערטיפיקאַט פון קאַפּיטאַל חובות און התחייבותן אָפּגעלייגט ווערן פון דעם 16טן יאַנואַר ביז דעם 1טן פעברואַר, און דער טערמין דער אומאָפּהענגיקער בודזשעט ביוראָ (Independent Budget Office) זאָל באַריכטן איינקונפטן און אויסגאַבעס וועט אָפּגעלייגט ווערן פון דעם 1ט פעברואַר ביז דעם 15טן פעברואַר.

פונקט אַזוי, כדי דער אַרבעט בודזשעט זאָל זיין מער גענוי, וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט אָפּגעלייגט דעם טערמין צו צושטעלן דעם אַרבעט בודזשעט פון דעם 26טן אַפּריל ביז דעם 1טן מיי. דער טשאַרטער פאָדערט אַז דער מייאָר זאָל צושטעלן אַן אַרבעט בודזשעט דעם 26טן אַפּריל. די דאַטע איז אַ קורצע צייט נאָך דעם 15טן אַפּריל, דער טערמין אויף צושטעלן די שטייערן, וואָס וועט געבן דער שטאָט שייכותדיקע אינפאָרמאַציע וועגן שטייער איינקונפטן. אָפּלעגן דעם טערמין אַ פּאָר טעג - ביז דעם 1טן מיי - וואָלט געגעבן דעם ביוראָ פאַר אַדמיניסטראַציע און בודזשעט מער צייט אויסצורעכענען די וואַרשיינלעכע איינקונפטן. דער אַמענדמענט וואָלט אַזוי אָפּגעלייגט דעם טערמין פאַר די רעקאָמענדאַציעס פון פּרעזידענט פון באָראָ (Borough President) וועגן דעם אַרבעט בודזשעט פון דעם 6טן מיי ביז דעם 13טן מיי.

## קיצור: מער מעלדונג און צײַט פֿאַר אָפּשטימונגען אויף געזעצן וועגן געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט

דער דאָזיקער אַמענדמענט וואָלט איינגעשטעלט מער פּראָצעדורעלע פֿאָדערונגען איידער דער ראָט שטימט אויף פֿאָרגעשלאָגענע לאָקאַלע געזעצן מיט שייכות צו דער געזעלשאַפטלעכער זיכערקײַט אַרבעט פון דרײַ שטאָט אַמטן: די פּאָליציי אָפּטיילונג, די תפיסות אָפּטיילונג און די פייערלעשער אָפּטיילונג.

איידער דער פולער ראָט שטימט אויף אַן אײַנגעשלאָסענעם פֿאָרשלאַג וועגן געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט וועט דער ראָט דאַרפן שיקן נאָך אַ מעלדונג דעם קהל, דעם מייאָר און דעם קאָמיסיאָנער פון יעדער באַווירקטן אַמט ניט ווייניקער ווי 30 טעג פֿאַר דער אָפּשטימונג אויף דעם ענין. דער מייאָר און די באַווירקטע אַמטן מעגן אויסנוצן די צייט צווישן דער מעלדונג און דער אָפּשטימונג כדי אויסצופירן אַן עפנטלעכן אויסהער אָדער מער ווי איינעם וועגן דעם פֿאָרשלאַג, כדי צו בעטן נאָך דעות פון קהל. דער מייאָר מעג זיך אָפּזאָגן פון די צוגאָב פּראָצעדורן פון דעם אַמענדמענט.

## א קיצור פון קאַפּיטאַל פּלאַנירונג

די שטאָט פּלאַנירט כסדרדיק ווי אַזוי צו אינוועסטירן אין איר אינפראַסטרוקטור. אַלס טייל פון דער דאָזיקער אָפּשאַצונג זאַמלט מען אינפאָרמאַציע וועגן דער שטאָט אינפראַסטרוקטור און מען טיילט זיך מיט איר דורך פאַרשידענע דאָקומענטן, איינשליסלעך דער יערלעכער באַריכט פון שטאָט באַדערפענישן (Citywide Statement of Needs), דער יערליכער אינווענטאַר פון שטאָט אינסטאַלאַציעס (annual inventory of city facilities) און די צוויי-יאָריקע קאַפּיטאַל סטראַטעגיע אויף צען יאָר (Ten-Year Capital Strategy). אַלע דריי דאָקומענטן שטעלן צו אינפאָרמאַציע וועגן דער שטאָטס איצטיקער אינפראַסטרוקטור און די פּלאַנירטע אינוועסטיציעס. דאָך פאָדערט ניט קלאָר דער טשאַרטער (Charter) פון דער שטאָט אַז ווען זי שטעלט אויס דעם באַריכט פון שטאָט באַדערפענישן זאָל זי באַטראַכטן באַדינונג און צו רעכט מאַכן. אויך פאָדערט מען ניט פון דער שטאָט אַז זי זאָל נעמען אין אַכט, אין איר קאַפּיטאַל סטראַטעגיע אויף צען יאָר, איר אָפּיציעלן אינווענטאַר פון אינסטאַלאַציעס אָדער די שטאָט באַדערפענישן.

די פאָרגעשלאָגענע אַמענדמענטס וואָלטן געפאָדערט אַז די שטאָט, ביים אָפּשאַצן וויכטיקע אויסברייטערונגען פון שטאָט אינסטאַלאַציעס און פאַרקלענערונגען אין איר יערלעכן באַריכט פון שטאָט באַדערפענישן, זאָל אויך זאַמלען אינפאָרמאַציע וועגן באַדינונג ווי: דער צושטאַנד, די פונקציע און די בערכדיקע צייט וואָס אַלע אינסטאַלאַציעס פון דער שטאָט וועלן נוצלעך זיין - אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך. די אַמענדמענטס וועלן אויך פאָדערן פון דער אָפּטיילונג פאַר שטאָט פּלאַנירן (Department of City Planning) און פון דעם ביוראָ פאַר אַדמיניסטראַציע און בודזשעט (Office of Management and Budget), ביים אויסשטעלן די קאַפּיטאַל סטראַטעגיע אויף צען יאָר, אַז זיי זאָלן נעמען אין אַכט דעם צושטאַנד פון די אינסטאַלאַציעס פון דער שטאָט און דאָס נייטיקע צו רעכט מאַכן איינעם מיט אַנדערע פאַקטאָרן ווי געאָגראַפישע פאַרטיילונג, השפעה אויף דער פעסטיקייט און די וויכטיקייט פון די אינסטאַלאַציעס פאַר דער אַרבעט פון די ביוראָען. די אַמענדמענטס וואָלטן געביטן די דאַטעס ווען מען דאַרף צושטעלן די קאַפּיטאַל סטראַטעגיע אויף צען יאָר, פון דעם 1טן נאָוועמבער צו דעם 16טן יאַנואַר כדי צו שטימען מיט דער דאַטע פאַר דעם פּרעלימינאַרן שטאָט בודזשעט. די אַמענדמענטס וואָלטן אויך ענליך פאַרביטן די דאַטע פון דעם

עפנטליכן אויסהער וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קאַפּיטאַל סטראַטעגיע אויף צען יאָר, כדי צו נעמען אין אַכט די שפּעטערדיקע דאַטע פאַר דער ערשטער ווערסיע צוגעשטעלט.

## קיצור: געשעפטס אונטערנעמונגען פון פרויען און מינאָריטעטן, דערלויבענישן פאַר פילמען און פאַרוואַלטונגען פון אַרכיוו איבערבליקן.

דער אַמענדמענט וואָלט געענדערט עטלעכע תנאים אין טשאַרטער.

ערשטנס, כדי צו שטיצן געשעפטס אונטערנעמונגען פון פרויען און מינאָריטעטן [minority and women-owned business enterprises (MWBEs)], וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט געשאַפֿט אַן אַמט אין טשאַרטער: הויפּט באַאַמטער פאַר געשעפטס פאַרשיידנקייט [Chief Business Diversity Officer (CBDO)]. ער וואָלט אויך באַשטימט אַז דער CBDO וועט זיין ווער די MWBE ווענדן זיך צו, שאַצט אָפּ די עפעקטיווקייט פון די שטאָט פּאָליטיקן ביי דעם באַהאַנדלען נישט-גלײַכקייט ביי דער שטאָט איינשאַפונג און וועט פאָרשלאָגן די נייטיקע ענדערונגען אין דער שטאָט פּאָליטיק.

צווייטנס וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט באַשטימט דעם מייאָר צו באַמעכטיקן דעם ביוראָ וואָס באַהאַנדלט דערלויבענישן פאַר פילמען - דער ביוראָ פון מייאָר פאַר מעדיע און פאַרוויילונג [Mayor’s Office of Media and Entertainment (MOME)] - אַרויסצוגעבן די דערלויבענישן. איצט באַשטימט דער שטאָט טשאַרטער נאָר די אָפּטיילונג פון דינסטן פאַר קליינע געשעפטן (Department of Small Business Services) אַרויסצוגעבן דערלויבענישן פאַר פילמען און טעלעוויזיע. דער רעזולטאַט איז אַז כדי אויסצופירן זיין שליחות צו פאַרשטאַרקן די שעפערישע בראַנזשע פון דער שטאָט ניו יאָרק, איז דער קאָמיסיאָנער פון MOME אַן אָנגעשטעלטער פון דער אָפּטיילונג פון דינסטן פאַר קליינע געשעפטן. אַנדערע אָנגעשטעלטע פון MOME קענען ניט אַרויסגעבן פילם און טעלעוויזיע דערלויבענישן אויב דער קאָמיסיאָנער קען ניט אויספירן זיינע פליכטן אָדער אויב דער אַמט איז צייטווייליק וואַקאַנט. דער פאָרגעשלאָגענער אַמענדמענט וואָלט באַמעכטיקט דעם מייאָר צו באַשטימען אַן אַנדערע שטאָט אַגענטור אַרויסצוגעבן די דאָזיקע דערלויבענישן, דערלויבנדיק דעם מייאָר צו באַשטימען MOME און פאַרזיכערן אַז אַנדערע אָנגעשטעלטע פון MOME קענען אויסניצן די אויטאָריטעט ווען פּאַסיק.

דריטנס וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט קאָמבינירט צוויי פאַרוואַלטונגען אויפגעשטעלט אין טשאַרטער וואָס גיבן זיך אָפּ מיט איבערבליקן אויף די שטאָט אַרכיוון. לויט דעם איצטיקן טשאַרטער דאַרף די שטאָט האָבן סיי די פאַרוואַלטונג פון אַרכיוו איבערבליקן און די קאָנסולטאַטיווע פאַרוואַלטונג פאַר אַרכיוון, איינקוק און פאָרשונג ( Archives, Reference and Research

(Advisory Board). די צוויי פאַרוואַלטונגען האָבן ענלעכע צילן און יערליכע באַריכטונג פליכטן. דער פאָרגעשלאָגענער אַמענדמענט וואָלט קאָמבינירט די קאָנסולטאַטיווע פאַרוואַלטונג פאַר אַרכיוון, איינקוק און פאָרשונג אין אַן איינציקן אַמט מיט דער קאָנסולטאַטיווער פאַרוואַלטונג פאַר שטאָט אַרכיוון און ביבליאָטעקן (Municipal Archives and Library Advisory Board) כדי צו פאַרגרעסערן די עפעקטיוויקייט און איינשפאָרן שטאָט געלטער. דער דאָזיקער פאָרגעשלאָגענער אַמענדמענט וואָלט תיכף גילטיק געוואָרן.